# דעם רבינ'ס ליכט

פקודי תשפ"ב
גליון 83



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן לעכטיגן שבת פאר אַלע טייערע קינדער**

מיר שטייען שוין אין די פינפטע וואך וואו די הייליגע תורה רעדט אַרום וועגן דעם משכן און די קליידער פונעם כהן גדול. די תורה איז זייער מאַריך אַרום דעם. מיר ווייסן און גלייבן אַז קיין שום אות אין די תורה איז נישט געשריבן געוואָרן אומזיסט חס ושלום, אין יעדע אות איז אָנגעהאָנגען טויזנטער עולמות און געוואַלדיגע סודות.

דאַרף מען פאַרשטיין וואס איז די אַריכות און די פרטים וואס די תורה רעדט אַזויפיל איבער די מלאכת המשכן? נאָך אַ זאַך דאַרף מען פאַרשטיין - עס איז באַוואוסט אַז דער משכן און דער בית המקדש מיט די הייליגע כלים האָבן אַכטונג געגעבן אויף כלל ישראל און אויף די גאַנצע וועלט, אָבער יעצט וואס עס איז לַיידער נישט דא דער בית המקדש מיט דער משכן. וואס קען אונז היינטיגע צייטן אַכטונג געבן און באַשיצן פון אַלעם בייזן?

חכמינו זכרונם לברכה זאָגן אויפן פסוק פון די וואכנדיגע פרשה אלה פקודי המשכן משכן, פאַרוואס שטייט צוויי מאָל די וואָרט משכן? נאָר חז"ל לערנען פון דעם, אַז די משכן באַשיצט אונז סיי ווען עס שטייט און סיי ווען עס איז צוּבראָכן, משכן בבנינו און משכן בחרבנו.

און דערפאַר האָט מען אין מדבר געבויט און צענומען דעם משכן יעדעס מאָל פונדאַסניי, און מען איז געגאַנגען אין מדבר אַ פלאַץ וואס איז פינסטער און טונקל, און עס געפינט זיך דאָרט געפאַרפולע שלענג און עקדיסן, און דווקא דאָרט האָט מען דאָס אויפגעבויט, צו ווייזן פאַר די קומענדיגע דורות, אַז אפילו ווען די משכן וועט זיין צענומען און צעבראָכן, וועט דאָס באַשיצן און אַכטונג געבן אויף אונז.




אַז מיר קינדער וועלן זיך פאַרבינדן מיטן שטאַרקע רצונות און כסופים צו די קדושה פון דער משכן און דער בית המקדש מיט זייערע כלים, און אַלעס בכח פון די צדיקי האמת וואס זיי האַלטן אין איין בויען דעם משכן אין יעדע דור, אַזוי'ו עס ווערט אָראָפגעבּרענגט אין די באַקאַנטע תורה רפ"ב - אזמרה לאלקי בעודי.

דורכדעם וועלן מיר קענען אַריבערגיין אַלע מדבריות - אַלע סאָרטן שוועריקייטן סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות, נסיונות וואס מען מוז אַריבערגיין כדי צו זיין אַן ערליכער איד.

וואס מיינט באַקומען אַ גיפט פון אַ שלאַנג ברוחניות?

המשך אויף זייט 11

# אַ מיטיגער
# פורים שמועס

פַּייְוול: הָאסְט גֶעהֶערְט בֶּערְל, פוּן דִי נַייֶע אָנְשִׁיקֶענִיש וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער וֶועלְט?

בֶּערְל: וָואס אִיז שׁוֹין וַוייטֶער גֶעשֶׁען פַּייְוול? אִיךְ וַוייס שׁוֹין נִישְׁט פוּן וָואס צוּ טְרַאכְטְן?

פַּייְוול: שַׁא! לָאמִיר נִישְׁט רֶעדְן הוֹיךְ וַוייל דִי לֵיצִים וֶועלְן נָאךְ הֶערְן!

בֶּערְל: לֵיצִים? וֶועלְכֶע לֵיצִים? זָאג מִיר. עֶפֶּעס בַּאהַאלְטְסוּ פוּן מִיר?

פַּייְוול: דִי לֵיצִים יֶענֶע חֶבְרָא, אַ גְרוּפֶּע לֵיצִים, אוֹי אִיז דָאס שְׁווִינְדְלֶערְס... מֶען דַארְף זִיךְ פוּן זֵיי הִיטְן.

בֶּערְל: אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט פַּייְוול אַז דוּ הָאסְט פֵּייגֶעלֶעךְ אִין קָאפּ, דוּ מֵיינְסְט סְ'אִיז נָאךְ הַיינְט דָא אַזֶעלְכֶע לֵיצִים?

פַּייְוול: אִיךְ גְלֵייבּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז יָא דָא. קוּם אִיךְ וֶועל דִיר עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן.

בֶּערְל: נָא לָאמִיר הֶערְן.

פַּייְוול: דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעשֶׁען מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן לֵיצִים פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וֶועלְכֶע קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס קָאפּ.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַ לֵץ אוּן אִים אַרוֹיסְגֶערוּפְן פוּן זַיין שְׁטוּבּ, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טַאקֶע אַרוֹיס אוֹיפְן גַאס אוּן זֶעט וִוי עֶס שְׁטֵייט דָארְט אַ שֵׁיינֶע פֶערְד צוּם



פַּארְקוֹיפְן.

בֶּערְל: וֶוער אִיז דֶער פַּארְקוֹיפֶער פוּנֶעם פֶערְד?

פַּייְוול: דֶער לֵץ!

בֶּערְל: פַּייְוול, וִויפִיל אִיז וֶוערְד אַזַא פֶערְד?

פַּייְוול: דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה פוּנֶעם לֵץ. אוּן דֶער לֵץ הָאט גֶעוָואלְט פַאר דֶעם פֶערְד, פִיר גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ. אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען קֶען עֶס רוּאִיג פַארְקוֹיפְן פַאר אַכְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ! וַוייל דָאס פֶערְד אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס גָאר גוּט אוּן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט.

בֶּערְל: גַאנְץ אַ גוּטְן גֶעשֶׁעפְט גֶעמַאכְט!

פַּייְוול: יָא, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאצָאלְט פִיר גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ מְצִיאָה. אוֹיפְצוּמָארְגְנְס גֵייט עֶר אַרוֹיס אִין מַארְק פְרִישׁ אוּן מִינְטֶער. "וֶוער וִויל קוֹיפְן אַ פֶערְד?"

בֶּערְל: אַזַא פֶערְד הָאט זִיבֶּער אַסַאךְ קוֹנִים וָואס וִוילְן דָאס קוֹיפְן, נֵיין?

פַּייְוול: דֶער עוֹלָם הָאט גֶעהוֹיבְּן דִי פְּרַייזְן. הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אוֹיבּ אִיז מֶען מִיר גְרֵייט צוּ צָאלְן אַזֶעלְכֶע פְּרַייזְן, אִיז דָאס זִיכֶער וֶוערְד דָאפְּלְט!

בֶּערְל: אִין אֵיין נַאכְט גֶעוָוארְן אַן עוֹשֶׁר?! מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי זֶעכְצְן גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ...

פַּייְוול: נֵיין, עֶר פַארְקוֹיפְט דָאס נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל! עֶר שְׁפַּאצִירְט וַוייטֶער אוּן עֶר טְרֶעפְט אָן חֶבְרָה וֶועלְכֶע זֶענֶען גְרֵייט צוּ צָאלְן אַ דָאפְּלְטֶע פְּרַייז זֶעכְצְן גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ.

המשך אויף זייט 7




פְּרַייטָאג צוּנאַכְטס. עֶס אִיז וִוינְטֶער פְּרָאקְטִיג קַאלְט אִין שְׁטֶעטֶעלֶע בְּרֶסְלֶב. דִי נָאז וֶוערְט פַּארְפְרוֹירְן וֶוען מֶען שְׁטֶעקְט עֶס אַרוֹיס פוּן פֶּענְסְטֶער אֲפִילוּ נָאר פַאר צְוֵויי סְקוּנְדֶעס. דִי קֶעלְט דְרִינְגְט אַרַיין אֲפִילוּ אִין דִי הַייזֶער. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס מִיר הָאבְּן ב"ה גֶעשְׁמַאקֶע אוֹיוְוענֶעס וָואס וַוארֶעמְט דִי הַייזֶער אַז מֶען וַוייסְט כִּמְעַט נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן וִוינְטֶער אוּן זוּמֶער!

אָבֶּער לָאמִיר קִינְדֶער אַרַיינְשְׁפַּאצִירְן אִין גָאר אַ הַייסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶע שְׁטוּב, וִוי מִיר וֶועלְן שׁוֹין בַּאלְד זֶען וָואס עֶס בְּרֶענְט דָארְט!!

דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי זִיצְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט דִי הַיילִיגֶע תּוֹרוֹת, דִי הַיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִיז נִישְׁט נָאר פַאר דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעצְן דָארְט אִין בְּרֶסְלֶב בַּיים רֶבִּי'נְס שַׁבָּת טִישׁ, נָאר אוֹיךְ פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פוּן דִי גָאר נִידְרִיגֶע בִּיז דִי גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

וִוי נָאר דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה, הָאט זַיין פָּנִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פְלַאקֶערְן, אַז אַלֶע אַרוּמִיגֶע חֲסִידִים הָאבְּן בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט פַארְדֶעקְן זַיין הַיילִיגֶע פָּנִים מִיט אַ טַאשׁ-טִיכְל. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַּחַד אוּן אַ יִרְאַת אֱלֹקִים וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט טַאפְּן אִין דִי לוּפְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס וָואסְפַארַא בְּרֶען אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלֶע תַּלְמִידִים הֶערְנְדִיג דִי הֵיילִיגֶע זִיסֶע תּוֹרוֹת.

נָאכְן בֶּענְטְשְׁן וֶוען אַלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען זִיךְ צוּגַאנְגֶען יֶעדֶער אִין זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן. אָבֶער... אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים קֶען נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן... שְׁלָאפְן?! וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע תּוֹרוֹת?! מֶען דַארְף דָאךְ מַאכְן תְּפִלּוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דִי תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן זָאל אִיךְ קֶענֶען נוּצְן טָאג טֶעגְלִיךְ אִין מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם!

וֶוער אִיז דֶער תַּלְמִיד?! אִיר וֵוייסְט אַוַודְאַי קִינְדֶערְלֶעךְ. דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן! אִין דֶעם קַאלְטְן נַאכְט גֵייט עֶר צוּם טַייךְ בּוּג, דִי טַייךְ וָואס לוֹיפְט אַרִיבֶּער אִין שְׁטֶעטְל בְּרֶסְלֶב. עֶר זֶעצְט זִיךְ נֶעבְּן טַייךְ אוּן הֵייבְּט אָן זִינְגֶען מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אַזוֹי: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פַייעֶר, פַייעֶר מִיר דָאס אַרַיין צוּ

המשך אויף זייט 10



דער טייך בוג אין שטאט ברסלב

# ~ דִי צְוֶועלֶעְוֶוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## די זיבן בעטלערס
## ~1~




**טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ!**

**אִיר וֵוייסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף?!**

**דוּ בִּיסְט פַארְשְׁלָאפְן?? עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען גֶעשְׁמַאק, אָדֶער לֶערְנֶען מִיט אַ חִיּוּת אוּן לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה? יֶעצְט אִיז דִי גֶעלֶעגְנְהַייט!!!**

**כַאפּ זִיךְ מִיט מִיט דִי נַייעֶ מַעֲשֶׂה פוּן זִיבְּן בֶּעטְעלֶערְס,**
**דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וֶועט דִיר נָאנְט בְּרֶענְגֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!!**

**פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס!!**

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן. וִוי אַזוֹי מֶען אִיז אַמָאל פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֶּן יָחִיד, הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיוָואלְט אָפְּגִיבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בְּחַיָיו (דְהַיְינוּ פַאר זַיין לֶעבְּן) הָאט עֶר גִימַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאל. אוּן וֶוען דֶער מֶלֶךְ מַאכְט אַ בַּאל אִיז בְּוַדַאי זֵייעֶר פְרֵילֶעךְ. בִּפְרַט הַיינְט, וָואס עֶר הָאט אָפְּגִיגִיבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. אִיז אַ וַודַאי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן אַלֶע דוּכְּסִים אוּן אַלֶע שְׂרָרוֹת. אוּן מֶע אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

אוּן דִי מְדִינָה הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה גִיהַאט פוּן דֶעם וָואס דֶער מֶלֶךְ גִיט אָפּ דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. וָוארְן סֶע אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער כָּבוֹד דֶעם מֶלֶךְ. אוּן סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה גִיוֶוען. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלֶערְלֵיי זַאכְן פוּן שִׂמְחָה. קַאפֶּעלְיֵיעס אוּן קָאמֶעדְיֵיעס אוּן דֶערְסְט גְלַייכְן, אוּן אַלְדִינְג וָואס סֶע נִיצְט נָאר צוּ שִׂמְחָה, אִיז אַלְץ דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוָוארְן, הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זוּן, בַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן זֶעהֶער, זֶע אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ זָאלְסְט נִיט הָאבְּן קֵיין עַצְבוּת (דְהַיְינוּ קֵיין טְרוֹיעֶרִיקַייט) אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין. אוּן אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין,

אַפִּילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן עַצְבוּת, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, וָואס דוּ בִּיסְט קֵיין מֶלֶךְ נִיט, וָוארְן דוּ קֶערְסְט זִיךְ קֵיין מֶלֶךְ נִיט צוּ זַיין, וָוארְן דוּ בִּיסְט זִיךְ נִיט פְרֵיילֶעךְ. (כְּלוֹמַר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס דוּ קָאנְסְט דִיךְ נִיט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ זַיין אַפִּילוּ אַז דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, קֶערְסְטוּ נִיט זַיין קֵיין מֶלֶךְ) לוּשְׁמִיר אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ מְשׁוּנֶה פְרֵיילֶעךְ זַיין.

הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאט גִיהַאט דוּכְּסִים אוּן שָׂרִים אוּן חַיִל. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז בַּיי אִיהם גִיוֶוען גְרוֹיסֶע חֲכָמִים.

אוּן וֶוער סֶע אִיז צוּ אִיהם גִיקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס אַ חָכְמָה, אִיז עֶר בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען. אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גִיבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עֲשִׁירוּת פַאר דֶער חָכְמָה. וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיוָואלְט הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גִיגִיבְּן גֶעלְט. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט כָּבוֹד, הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן כָּבוֹד. אַלְץ פַאר דֶער חָכְמָה. אוּן מַחְמַת סֶע אִיז בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען חָכְמָה. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גִינוּמֶען צוּ חָכְמָה, אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גִיוֶוען אִין חָכְמוֹת. וָוארְן דֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען גֶעלְט דֶערְפַאר. אוּן דֶער הָאט גִיוָואלְט חֲשִׁיבוּת אוּן כָּבוֹד. אוּן מַחְמַת זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה (כְּלוֹמַר וִוי אַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן) וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת.

בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה. אִיז גִיוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה. אוּן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען גִיוֶוען זֵייעֶר ווילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. וּמַחְמַת דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה אַרֵיין גִיפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרֵיין. אוּן הָאבְּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוֹיךְ אַרֵיין גִיצוֹיגְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרֵיין. לוּשְׁמִיר דֶעם פְּרָאסְטְן עוֹלָם הָאט דָאס נִיט גִישַׁאט, זֵיי זֶענֶען נִיט אַרֵיין גִיפַאלְן אִין דֶעם אַפִּיקוֹרְסוּת אַרֵיין. וָוארְן סֶע גִיוֶוען אַ גְרוֹיס טִיפְקַייט אִין זֵייעֶר חָכְמָה פוּן דִי חֲכָמִים. הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִיט גִיקָאנְט אַרֵיין גֵיין אִין זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶס זֵיי נִיט גִישַׁאט. נָאר דִי חֲכָמִים אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ זֶענֶען אַפִּיקוֹרְסִים גִיוָוארְן.

אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ מַחְמַת סֶע אִיז אִין אִיהם גִיוֶוען טוֹב, וָוארְן עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן מִיט טוֹב, אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גוּטֶע מִדוֹת. פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶע מָאל, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. וָואס טוּה אִיךְ. אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דְרוֹיף. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען, וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן. לוּשְׁמִיר תֵּיכֶף וִוי בַּאלְד עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ נִיצְן מִיט זַיין שֵׂכֶל, אִיז ווידֶער בַּיי אִיהם שְׁטַארְק גִיוָוארְן דִי חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען כַּמָּה פְּעָמִים, וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶערְמַאנֶען וואוּ אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּט עֶר וְכוּ׳ כַּנַּ״ל. אוּן פְלֶעגְט קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן. נָאר תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ נִיצְן מִיט דֶעם שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִיהם ווידֶער שְׁטַארְק גִיוָוארְן דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת כַּנַּ״ל.

וַיְהִי הַיּוֹם. אוּן סֶע גִיוֶוען אֵיין בְּרִיחָה אִין אֵיין מְדִינָה. זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְּן גִיוָוארְן. וִוי זֵיי


המשך אויף זייט 6

זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גִיוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען דָארְךְ אֵיין וַואלְד. הָאבְּן זֵיי דָארְט פַארְלוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער, אַ זָכָר און אַ נְקֵבָה. אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ זָכָר, אוּן אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ נְקֵבָה. אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גִיוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער. פוּן פִיר פִינֶעף יָאהר.

דִי קִינְדֶערְלִיךְ הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן אוּן גִיוֵויינְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן. דֶערְוַוייל אִיז צוּ זֵיי אָנְגִיקוּמֶען אֵיין בֶּעטְלֶער, עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס. הָאבְּן דִי קִינְדֶער אָנְגִיהוֹיבְּן טְשֶׁעפֶּען זִיךְ צוּ אִיהם, אוּן צוּ טוּלֶען זִיךְ צוּ אִיהם. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי גִיגֶעסְן. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט, פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיהר אַהֶער. הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיעֶנְפֶערְט מִיר וֵוייסְן נִיט, וָוארְן זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיבֶּעטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט דָאס וִויל אִיךְ נִיט, אַז אִיהר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר. דֶער וַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן, אִיז דֶער בֶּעטְלֶער בְּלִינְד. אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען, אַז עֶר אִיז בְּלִינְד, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט עֶר צוּ גֵיין (אוּן צוּם אֶמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גִיוֶוען. וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גִיוֶוען. לוּשְׁמִיר זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען)

הָאט עֶר זֵיי גִיבֶּענְטְשְׁט (דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער), אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט נָאךְ בְּרוֹיט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען, אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי הַשְׁגָחָה גִיהַאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּ גִישִׁיקְט אַהֶער אַ בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, עֶר זָאל זֵיי גִיבְּן עֶסְן.

דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי אוֹיס גִיגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט. הָאבְּן זֵיי וִוידֶער אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן עֶסְן. דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארְן נַאכְט, הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אִין דֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גִיהַאט צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן אוּן גִיוֵויינְט.

דֶערְוַוייל, אִיז וִוידֶער אָנְגִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ טוֹיבֶּער, הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ אִיהם צוּ רֵיידְן, וַוייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי הֶענְט אוּן זָאגְט צוּ זֵיי. אִיךְ הֶער גָאר נִיט. אוּן דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גִיוָואלְט, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גִיוָואלְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גִילָאזְט בְּרוֹיט, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי דָאס בְּרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסְגִיגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי וִוידֶער גִישְׁרִיגְן כַּנַ"ל. אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען צוּ זֵיי אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כְּבַד פֶּה. (כְּלוֹמֶר עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן מִיט אִיהם צוּ שְׁמוּסְן. הָאט עֶר גִישְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד. הָאבְּן זֵיי נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, אוּן עֶר הָאט יָא גִיוואוּסְט וָואס זֵיי רֶעדְן. נָאר זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, וָוארְן עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט.

הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן. אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשׁ, אַז זֵיי זָאלְן זַיין וִוי עֶר, אוּן

המשך אויף זייט 9

המשך פון זייט 2

בֶּערְל: נָא, אוֹיף וֶועם וַוארְט עֶר ??

פַּייְוֶול: עֶר מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן... אוֹיבּ זֶעגֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס צָאלְן דֶערְפַאר אַזַא פְּרַייז, אִיז דָאס אָן קַיין סָפֵק אַ פֶערְדְל מִיט אַ פְּרַייז אָן קַיין שַׁאץ, אִיךְ בַּאקוּם הַיינְט אִין מַיין טַאשׁ צְוֵויי אוּן דְרַייסִיג גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ!!

בֶּערְל: וִויפִיל גֶעלְט אִיז דָאס אִין הַיינְטִיגֶע גֶעלְט?

פַּייְוֶול: אִיךְ מַיין אִין דִי מִילְיָאנֶען דָאלַארְן!! עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דִי וֶועלְט גֶעהֶערְט צוּ אִים. עֶר שְׁפַּאצִירְט וַוייטֶער אַזוֹי גֶעלַאסְן מִיטְן פֶערְדְל.

בֶּערְל: מִן הַסְתָּם וֶוערְט עֶס בַּיי יֶעדֶע פָּאר טְרִיט וָואס עֶר גֵייט דָאפְּלְט אוּן דְרִיפְּלְט...

פַּייְוֶול: הָאסְט גוּט צוּגֶעטְרָאפְן! עֶר הַאלְט שׁוֹין אִין דִי טוֹיזְנְטֶערְס. עֶר קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט פַּארְקוֹיפְן, וַוייסְט פַּארְוָואס בֶּערְל? וַוייל וֶוער עֶס וִויל דֶעם פֶערְדְל קוֹיפְן...

בֶּערְל: הַאלְטְן דִי פְּרַייזְן אוּן אֵיין לוֹיפְן... אָבֶער פָּארְט וואוּ וֶועט דָאס פֶערְד פַּאשֶׁען אִין וֶועמֶענְס הוֹיפְן?

פַּייְוֶול: קַיין גְרוֹיסֶע בְּרֵרוֹת הָאט עֶר נִישְׁט דָארְט, עֶר טְרָאגְט אָפּ פוּן דֶעם אָרְט, בַּיי דֶעם פְּרַייז וֶועט עֶר נִישְׁט בְּלַייבְּן, דָאס פֶערְד צוּם קֶענִיג טוּט עֶר טְרַייבְּן.

בֶּערְל: בַּיי דֶעם קֶענִיג דֶעם רַייכְן, וֶועט עֶר זִיךְ זִיכֶער גֶעטוּן אוֹיסְגְלַייכְן? הַא פַּייְוֶול?

פַּייְוֶול: נֶע, אוֹיבּ דֶער קֶענִיג אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּם פְּרַייז פִיל, אִיז דָאס נִישְׁט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וִויל.

בֶּערְל: אִיז עֶס זִיבֶער דָאפְּלְט דִי וֶוערְד...

פַּייְוֶול: אַזוֹי מֵיינְט דֶער מֶענְטְשׁ... מִיט שְׁטָאלְץ גֵייט עֶר אַוֶועק מִיטְן פֶערְדְל פוּן קֶענִיגְס פַּאלַאץ, דָאס פֶערְד אִיז זִיבֶער דָארְשְׁטִיג נָאכְן זַיין אַ גַאנְצְן טָאג אוּנְטֶער דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע זוּן. עֶר גֵייט צוּ צוּם דֶערְנֶעבֶּנְדִיגֶע פְּלָאמְפּ, דָאס אִיז אַן עֶפֶענוּנְג צוּ אַ קְוַואל וואוּ מֶען קֶען זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען מִיט פְרִישֶׁע וַואסֶער.

בֶּערְל: אַפָּאר לִיטֶער / גַאלָאנֶען וַואסֶער הָאט עֶר זִיבֶער גֶעשְׁלִינְגֶען אוֹיף אֵיין מָאל, נֵיין?

פַּייְוֶול: נִישְׁט דָאס פֶערְד הָאט גֶעשְׁלִינְגֶען וַואסֶער, נָאר דִי פְּלָאמְפּ הָאט אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען דָאס פֶערְד!!

בֶּערְל: ווָווואס???? אַ פְּלָאמְפּ קֶען שְׁלִינְגֶען???

פַּייְוֶול: יָא, דָאס פֶערְד אִיז אַרַיינְגֶעטַאנְצְן דוּרְךְ דֶעם עֶפֶענוּנְג פוּן דֶעם קְוַואל אוּן אִיז פַארְשְׁווִינְדְן גֶעוָוארְן! נִישְׁטָא קַיין זֵכֶר פוּן קַיין פֶערְד... נִישְׁט קַיין רֶענְדְלֶעךְ... גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט...

בֶּערְל: אוֹי אַ בְּרָאךְ..

פַּייְוֶול: קוֹלוֹת וּבְרָקִים הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן שְׁרַייעֶן..

בֶּערְל: אוֹיף וֶועם שְׁרַייט עֶר??

פַּייְוֶול: דֶער עוֹלָם אַרוּם פְרֶעגְט דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה? דֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייט "מַיין פֶערְד אִיז אַרַיינְגֶעטַאנְצְן אִינֶעם פְּלָאמְפּ!!"

המשך קומענדיגע זייט

**המשך**

בֶּערְל: נָא, מֶען הֶעלְפְּט אִים דָאס אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן?

פַּייְוְול: שְׁלֶעפְּן אַ פֶערְד?? מֶען קְלַאפְּט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ זַיינֶע בֵּיינֶער!! אַזַא מְשׁוּגָע'נֶער.. וִויאַזוֹי קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז אַ פֶערְד קֶען אַרַיינְגֵיין אִין אַזַא שְׁמָאלֶע פְּלָאמְפּ?

בֶּערְל: וִוי אַזוֹי טַאקֶע?

פַּייְוְול: אַ קַשְׁיָא אוֹיף אַ מַעֲשֶׂה!

בֶּערְל: וָואס אִיז מִיט דִי קְלֶעפּ?

פַּייְוְול: דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דֶער עוֹלָם קוּקְט אִים אָן וִוי אַ מְשׁוּגָע, וְוִיל עֶר אַוֶועקְשְׁפַּאצִירְן פוּן דָארְט. אָבֶער... דָאס פֶערְדְל שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דָאס קֶעפְּל פוּן פְּלָאמְפּ.. דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט וִוידֶער אָן צוּ...

בֶּערְל: שְׁרֵייעֶן קוֹלוֹת...

פַּייְוְול: אוּן וִוידֶער בַּאקוּמְט עֶר גֶע'הַרְגְ'טֶע קְלֶעפּ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם, אַזַא מְשׁוּגָע וָואס עֶר אִיז. וִוידֶער וִויל עֶר אָפְּצִיעֶן פוּן דָארְט... אָבֶער...

בֶּערְל: ...דִי קָאפּ פוּנֶעם פֶערְדְל קְרִיכְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיס פוּנֶעם פְּלָאמְפּ.

פַּייְוְול: יָא, דוּ וֵוייסְט גוּט, וַוייטֶער מַאכְט עֶר קוֹלוֹת, אוּן בַּאקוּמְט פְרִישֶׁע פֶּעטְשׁ..

בֶּערְל: הָא... פַּייְוְול וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז עֶר נָארְמַאל??

פַּייְוְול: דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה וָואס גֶעשֶׁעט גַאנְץ אָפְט צוּ אוּנְז!

בֶּערְל: וָואס דוּ הָאסְט אַ פֶערְד צוּם פַארְקוֹיפְן?

פַּייְוְול: נֵיין דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייט אוּנְז יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע דִמְיוֹנוֹת, מִיט פְּרָאסְטֶע שֶׁקֶר, זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען אוּן עֶס אִיז דִמְיוֹנוֹת אוּן מִיר לוֹיפְן דָאס נָאךְ.. אוּפּ אוּפּ אוּפּ, אָט גֵיי אִיךְ עֶס שׁוֹין בַּאקוּמֶען...

בֶּערְל: יָא מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ תַּאֲוָה, וִוי גְלַייךְ מֶען קֶען עֶס שׁוֹין הָאבְּן אוּן זַאט וֶוערְן.

פַּייְוְול: אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט עֶס נֶעלָם, דִי תַּאֲווֹת גֵייעֶן אַוֶועק פַאר אַ פָּאר מִינוּט, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וְוִיל זִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן דֶערְפוּן, שְׁטֶעקְט עֶס אַרוֹיס דִי קָאפּ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ לוֹיפְט דָאס שׁוֹין וַוייטֶער נָאךְ..

בֶּערְל: אִיךְ מַיין אַז נָאר תְּפִלָּה קֶען אוּנְז הֶעלְפְן צוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע לֵצִים.

פַּייְוְול: יָא, תְּפִלָּה אִיז דִי בֶּעסְטֶע גֶעצֵייג. אַזוֹי אוֹיךְ צְדָקָה, שִׂמְחָה אוּן תּוֹרָה אוּן נָאךְ אַסַאךְ עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶער עִיקָר דֶעם רֶבִּי'נְס כֹּחַ, דֶער צַדִיק וָואס אִיז אוּנְז מְגַלֶה דִי אַלֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן עֵצוֹת.

בֶּערְל: אַ פְרֵיילִיכְן חֹדֶשׁ אֲדָר.

פַּייְוְול: טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ הָאט אִיר אַ נִמְשָׁל וֶוען אִיר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַמָאל בַּאגֶעגְנְט מִיט אַזַא פְּלָאמְפּ אִין אֵייעֶר פְּרִיוַואטְן לֶעבְּן, וֶוען עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז אַייךְ גֵייעֶן שׁוֹין כִּמְעַט עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען אוּן צוּם סוֹף הָאבְּן אַייךְ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ דִמְיוֹן, קְלִינְגְט אַרַיין אִין טֶעלַיין 02-5-3333-72

אוּן לָאזְט אַן הוֹדָעָה אוֹיף קְנֶעפְּל 7

הַמשך פון זייט 6

אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּנַ״ל.

דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶועז כַּנַ״ל,

דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אַ הוֹיקֶער. דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן הֶענְט. דֶערְנָאךְ אִיז גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן פִּיס. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. אוּן הָאט זֵיי גִיבֶּענְטְשׁ. אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי וִוי עֶר, גָאר אַזוֹי וִוי יֶענֶע בֶּעטְלֶערְס כַּנַ״ל.

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי וַוייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגִיגַאנְגֶען. הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשׁוּב אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ וֶועג. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג. בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין דָארְף. זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין. הָאט מֶען אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת גִיהַאט. אוּן מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין גִיגַאנְגֶען. הָאט מֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט.

פְּלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער. הָאבְּן זֵיי גִיזֶעהְן סֶע גוּט, מֶע גִיט זֵיי בְּרוֹיט, הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְוִוישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד זַיין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גִימַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע שִׂמְחוֹת, אוֹיף בְּרִית׳ן אוּן אוֹיף חַתוּנוֹת. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער,

אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטֶעט אַרַיין. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער, אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִי יְרִידִים. אוּן פְּלֶעגְן זִיצְן צְוִוישְׁן דִי בֶּעטְלֶערְס, אַזוֹי וִוי זֵי זִיצְן דָארְט אוֹיף דִי פְּרִיזְבֶּעס מִיט דִי טֶעלֶער. בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גִיוֶועז מְפוּרְסָמִים בַּיי אַלֶע בֶּעטְלֶערְס. וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זֵיי גִיקֶאנְט, אוּן הָאבְּן פוּן זֵיי גִיוואוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס זֵי זֶענֶען פַארְפַאלְן גִיוָוארְן אִין וַואלְד כַּנַ״ל.

אַמָאל אִיז גִיוֶועז אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד, אִין אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאט. זֶענֶען אַהִין גִיגַאנְגֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ אַהִין גִיגַאנְגֶען. אִיז גִיקוּמֶען דִי בֶּעטְלֶערְס אוֹיף דֶער דֵעָה, אַז זֵיי זָאלְן מְשַׁדֵךְ זַיין דִי צְוֵוי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע נֶעמֶען. אוּן תֵּיכֶף וִוי מֶע הָאט אָנְגִיהוֹבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּסְן, אִיז דָאס זֵיי אַלֶע זֵייעֶר גִיפֶעלְן,

הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵךְ גִיוֶועזְן, לוּשְׁמִיר וִוי מַאכְט מֶען זֵיי חַתוּנָה, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועזְן, בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם אוּן דֶעם טָאג, וֶועט זַיין בַּאם מֶלֶךְ מִינִינֶעס, וֶועלְן אַהִין גֵיין אַלֶע בֶּעטְלֶערְס וֶועלְן זֵיי זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְבֶּעטְן קוֹילִיטְשׁ אוּן פְלֵיישׁ, דֶערְפוּן וֶועט מֶען זֵיי מַאכְן חַתוּנָה. אִיז אַזוֹי גִיוֶועזְן,

זֶענֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִי מִינִינֶעס, אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיבֶּעטְן פְלֵיישׁ אוּן בְּרוֹיט, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ פַארְנוּמֶען וָואס סֶע אִיז גִיבְּלִיבְּן פוּן דֶער סְעוּדָה, פְלֵיישׁ אוּן קוֹילִיטְשׁ. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיגְרָאבְּן. אַ גְרוֹיסְן גְרוּבּ, וָואס סֶע זָאל אִין אִיהם קֶענֶען אַרַיין הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי הָאבְּן אִיהם צוּגִידֶעקְט מִיט פְּרוּטֶעס, אוּן מִיט עֶרְד אוּן מִיט מִיסְט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין אַלֶע אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִימַאכְט חַתוּנָה דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי גִישְׁטֶעלְט אַ חוּפָּה, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶועזְן, אוּן דִי חָתָן כַּלָה זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶועזְן.

מִיר אִין הַאַרְץ אַרַיין״. אַזוֹי זִינְגְט דֶעם נִיגוּן אוּן בֶּעט זִיךְ בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דִי רֵייד פוּן רֶבִּי׳ן זָאלְן אַרַיינְגֵיין טִיף אִין זַיין הַאַרְץ.

דִי נִגוּנִים אוּן הִתְבּוֹדְדוּת פוּן רֶבִּי נָתָן נֶעבְּן דֶעם טַייךְ הָאט זִיךְ פַּארְצוֹיגְן בִּיז עֶס אִיז שוין גֶעוָוארְן דֶער עֲלוֹת הַשַּׁחַר. רֶבִּי נָתָן קֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט אָפְּקִילְן זַיין הֵיילִיגֶע הַאַרְץ, דָאס גַאנְצֶע דַאוְוענֶען פוּן שַׁחֲרִית אוּן בִּפְרָט בַּיי נִשְׁמַת הָאט עֶר אַזוֹי הַארְצִיג גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעוֶועלְט אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד פוּן אָט דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק.




קִינְדֶער וָואס קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה?! פַּאר אוּנְז קִינְדֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּזַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן זִינְגֶען, אָבֶער מִיר קֶענֶען יָא טוּן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקַייט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל: זִינְגֶען גֶעשְׁמַאק זְמִירוֹת שַׁבָּת, בֶּענְטְשְׁן שֵׁיין, לֵיינֶען הוֹיךְ קְרִיאַת שְׁמַע, צוּלֵייגְן נָאךְ אַפָּאר מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן זִינְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקְן 'נִשְׁמַת' שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי... אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ, וָואס מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי׳ן אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מִתְנַגְּדִים אוּן מִיר צֶערַייסְן נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן מִיר הַאלְטְן זַיי חָשׁוּב.

## גראמען אויף די מעשה!

גֶעקוּמֶען זֶענֶען חֲסִידִים פוּן אוּמֶעטוּם
בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זִיצְן זֵיי אַרוּם
דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיבְן אָן אוֹיף זַיין שְׁטוּל
מִיט תַּלְמִידִים אִיז דֶער שְׁטוּבּ פוּל
מֶען זֶעט אַ שֵׁיין אַ גְרוֹיסֶע לִיכְט
אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס גֶעזִיכְט
פַאר יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמָה
אִיז דֶעם רֶבִּי׳נס רֵייד אַ נֶחָמָה

דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי׳ן וֶוען מֶען הֶערְט
פוּל מִיט יִרְאָה אוּן פַּחַד מֶען וֶוערְט
אַז עֶר מוּז פַארְדֶעקְן דָאס פָּנִים אוּן דִי אוֹיגְן
מִיט אַ טִיכְל אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן
אַזַא הִתְנוֹצְצוּת אַזֶעלְכֶע פֵייעֶר'דִיגֶע רֵייד
תּוֹרוֹת אַזוֹי הוֹיךְ, גָארְנִישְׁט קַיין קְלֵיינִיגְקַייט
אַזַא שַׁבָּת טִישׁ, אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְד
נאך בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דִי תַּלְמִידִים גֵייעֶן שְׁלָאפְן בַּאלְד

ווִידֶער ר' נָתָן אִיז אוֹיךְ פוּן דָארְט אַרוֹיס
שְׁפַּאצִירְט פַּארְטְרַאכְט פוּן רֶבִּינְ'ס הוֹיז
אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אַזַא צַדִּיק פַארְהַאנֶען
וָואס דַארְף אִיךְ טוּן? הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען
דִי בְּרֶען פוּן מַיין הַארְץ אִיךְ קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן
צוּם טַייךְ בּוּג וואוּ דִי וַואסֶער טוּט קְוֶועלְן
דָארְט דֶעם גַאנְצְן פְרַייטָאג צוּנַאכְט
מִיט פַייעֶרְדִיגֶע נִגוּנִים הָאט עֶר פַארְבְּרַאכְט
אוּן גֶעזִינְגֶען מִיט בֶּענְקְשַׁאפְט:
**״אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פַייעֶר, פַייעֶר מִיר אַרַיין**
**דָאס פַייעֶר צוּ מִיר אִין הַארְץ אַרַיין!״**

קִינְדֶערְלֶעךְ!

פוּן אוּנְז מֶען פַארְלַאנְגְט נִישְׁט קַיין סַאךְ
מוּזְט נִישְׁט אוֹיפְזַיין אַ גַאנְצֶע שַׁבָּת נַאכְט
אַ סוֹד וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיסְזָאגְן
פוּנְקְט וָואס דוּ זָאלְסְט זָאגְן
עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ
נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ פָּשׁוּטֶ'ע שְׁפְּרַאךְ
אִין יֶעדֶע צַייט אִין אַלֶע עֶרְטֶער

המשך פון זייט 1

צום בײַשְׁפִּיל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה קפ"ט עִיקָר נְשִׁיכַת הַנָּחָשׁ אִיז עַצְבוּת וְעַצְלוּת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר גִיפְט פוּנֶעם שְׁלַאנְג אִיז עַצְבוּת און פוֹילְקֵייט. און מִיט דִי עֵצוֹת פון דִי צַדִּיקִים קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען און נִצֹּל וֶוערְן פון דִי עֵצוֹת פון דִי נָחָשׁ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי יְמֵי אֲדָר ב' וָואס קוּמֶען צוּ גֵיין, זָאלְן מִיר אַלֶע אִידְן, און בִּפְרָט דִי אִידְן וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין רוּסְלַאנְד און אִין אוּקְרֵיינֶע נִצֹּל וֶוערְן פון עַצְבוּת און עַצְלוּת, און פון הָמָן הָרָשָׁע וָואס ווִיל לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְהוּדִים ח"ו. עֶס זָאל זַיין וְנַהֲפוֹךְ הוּא, און עֶס זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דֶער אוֹר הַצַּדִּיק וָואס קֶען בַּאשִׁיצְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און עֶס זָאל זַיין דָאס יָאר נָאר לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה שִׂמְחָה שָׂשׂוֹן וִיקָר אָמֵן וְאָמֵן.

## די דרייצנטע מעשה (1) ־ פון די זיבן בעטלירס (אנהייב)

א. שאלת חכמות: אין וועלכע חודש האט דער רבי אנגעהויבן דערציילן די מעשה? (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)
- ❑ אלול
- ❑ אדר
- ❑ סיון

ב. פארוואס האט דער קעניג געמאכט א סעודה?
- ❑ ווייל ער האט געזיגט א מלחמה
- ❑ ווייל ער האט איבערגעגעבן די מלוכה פאר זיין זוהן
- ❑ לכבוד זיין געבורטס־טאג

ג. וועלכע זאכן פון שמחה איז דארט געווען?
- ❑ קאפעליעס
- ❑ קאמעדיעס
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

ד. וואס זאגט ער פאר זיין זוהן צו טוהן ווען ער וועט ארא דער מלוכה?
- ❑ אנטלויפן פון די מדינה
- ❑ ער זאל נישט לאזן א צווייטן זיין א מלך
- ❑ ער זאל זיין פרייליך

ה. וואס האט דער בן המלך זייער ליב געהאט?
- ❑ צו שיכור'ן
- ❑ אסאך כבוד
- ❑ חכמה

ו. וואס האט דער קעניג געגעבן פאר א חכמה?
- ❑ געלד
- ❑ כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

ז. וואס האט מען פארגעסן אין די מדינה?
- ❑ זייער לערנען
- ❑ תכסיסי מלחמה
- ❑ זייער חכמה

ח. וואס האט פאסירט צום בן המלך און צו די גרויסע חכמים?
- ❑ זיי זענען אריינגעפאלן אין אפיקורסות
- ❑ זיי זענען שוואך געווארן
- ❑ זיי האבן זיך געשטארקט אין עבודת השם

ט. וואו זענען די קינדער פארלוירן געווארן?
- ❑ אין א שטאט
- ❑ אין א מדבר
- ❑ אין א וואלד

י. וואס איז געווען דער ערשטער בעטלער?
- ❑ א בלינדער
- ❑ א טויבער
- ❑ א כבד פה

יא. וואס האט זיי דער בעטלער געוואונטשן
- ❑ גרויסע עשירות
- ❑ זיי זאלן טרעפן זייער עלטערן
- ❑ זיי זאלן זיין אזוי אלט וואו איך

יב. וואס האט זיי דער בעטלער איבערגעלאזט
- ❑ ברויט
- ❑ וואסער
- ❑ פרוכט

יג. וואס איז געווען דער פערדער בעטלער?
- ❑ א הויקער
- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ אן הענט

יד. וויאזוי האבן זיי געהאט עסן אויף די חתונה?
- ❑ זיי האבן געבעטן ברויט און פלייש פון די סעודה פון מלך
- ❑ זיי האבן גענומען וואס ס'איז געבליבן פון די סעודה פון מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

טו. וואו איז געווען די חתונה?
- ❑ אין א גרויסע זאל
- ❑ אין א שול
- ❑ אין א גרויסע גרוב

טז. שאלת חכמות: וואס איז דער סדר פון די בעטלערס?
- ❑ א טויבער, א בלינדער, א כבד פה, א הויקער, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.
- ❑ א בלינדער, א טויבער, א כבד פה, א קרומער האלדז, א הויקער, אן הענט, אן פיס
- ❑ א טויבער, א כבד פה, א בלינדער, א הויקער, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.

יז. שאלת חכמות: וויפל מאל ווערט דערמאנט שמחה/שמחות/פרייליך אין די מעשה ביז דא?
- ❑ צען
- ❑ ניינצן
- ❑ צוואנציג

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

משנכנס אדר מרבין בשמחה

# אַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

ברענגט אריין א שמחה בעז"ה פאר אלע קינדער
און די גאנצע משפחה




## דא צובאקומען

**בעז"ה וועט עס זיין צובאקומען אין בית שמש**
**ביהמ"ד אור הנחל - אנשי הצדיק - תפארת הנחל**